# ליטעראַרישער אָוונט פֿאַר מענקע קאַץ זונטאָג, פֿעב. 16 אין וואַשינגטאָן

זונטאָג, דעם 16טן פֿעברואַר, 8 אָוונט, וועט אין „פּיטיען טעמפּל" פֿאָרקומען אַ ליטעראַרישער יום טוב לכבוד דער דערשיינונג פֿון דעם נייעם בוך לידער „דער פּשוט'ער חלום", פֿון דעם באַוואוסטן דיכטער מענקע קאַץ, וועלכער איז איצט דער לערער פֿון דער אָרדן קינדער־שול אין וואַשינגטאָן.

מיט באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען איבער דעם בוך וועלן אַרויסטרעטן די באַוואוסטע שריפֿטשטעלער י. ב. ביילין, מיטאַרבעטער פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט" און י. א. ראָנטש, רעדאַקטאָר פֿון דעם אָרדן־זשורנאַל „אונזער וואָרט".

דעם אָוונט וועט אויך דורכגעפֿירט ווערן אַ פּראַכטפֿולע קינסטלערישע פּראָגראַם מיטן אָנטייל פֿון אידישן פֿאָלקס־כאָר, דיריגירט פֿון בען יאָמען, דער קינדער כאָר און אַנדערע קינסטלער.